**קאוד**: FIN-29 (ווידער ארויסגעגעבן)
**דאטום**: מאי 4, 2018

# MAIMONIDES MEDICAL CENTER

**קאוד**: FIN-29 (ווידער ארויסגעגעבן)
**דאטום**: מאי 4, 2018
**ארויסגעגעבן צוערשט**: מערץ 26, 2005

**טעמע: אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פינאנציעלע הילף פאליסי**

## I. <u>פאליסי</u>

א. מיימאנידעס מעדיקל צענטער ("מיימאנידעס" אדער די "שפיטאל") שטרעבט צוצושטעלן הויכע קוואליטעט העלטה קעיר סערוויסעס פאר יעדן פאציענט וואס קומט צו איינע פון אונזערע פאסיליטיס, אפגעזען פון זייער פעאיגקייט צו באצאלן. די פינאנציעלע הילף פאליסי ("FAP" אדער "פאליסי") פעדעמט איין מיימאנידעס'ס פינאנציעלע הילף פראגראם פאר אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, דורך וועלכן פאציענטן וועלכע פארמאגן נישט קיין אינשורענס דעקונג, האבן אויסגענוצט זייער העלטה אינשורענס בענעפיטן, און ווערן באשטימט אלס בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אין איינקלאנג מיט די פאליסי קענען באקומען אומזיסטע אדער ביליגערע מעדיציניש נויטיגע אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג.

ב. די פאליסי איז גילטיג אויף אלע אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט פאר בארעכטיגטע פאציענטן. אפצאלונגען פאר עמערדזשענסי גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, אינפעישאנט פסיכיאטרישע סערוויסעס, פארבינדענע צוגאב סערוויסעס און אנדערע מעדיצינישע סערוויסעס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין פאליסי FIN-28 (איבערגעמאכט), "פינאנציעלע הילף פאליסי".

ג. פאר מעדיציניש נויטיגע אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, טוט בארעכטיגטע פאציענטן אונטער די פאליסי, אריינרעכענען נידריגע-איינקונפט פאציענטן וועלכע וואוינען אין די פינף בעראוס פון ניו יארק סיטי (קינגס, ניו יארק, קווינס, ריטשמאנד און בראנקס קאונטיס) וועלכע האבן נישט קיין אינשורענס אדער וועלכע האבן אויסגענוצט זייערע העלטה אינשורענס בענעפיטן. פינאנציעלע באדינגונגען פאר בארעכטיגונג פאר אומזיסטע אדער ביליגערע באהאנדלונג אונטער די פאליסי ווערן ווייטער געשילדערט אונטן און אין די בייגעלייגטע סליידינג סקעיל פי סקעדזשול. **פאציענטן מיט איינקונפטן אונטער 300% פון די פעדעראלע ארימקייט שטאפל זענען ווארשיינליך בארעכטיגט פאר הילף אונטער די FAP, באזירט אויף אינפארמאציע וואס ווערט געשילדערט אין חלק III, אונטן**. מ'קען באקומען פינאנציעלע הילף לויט ווי באשטימט פאר יעדע פאל באזונדער, פאר פאציענטן וועלכע האבן אינשורענס וואס דעקט נישט די פולע קאסטן פון זייערע סערוויסעס (ד.מ. זענען "אונטער-אינשור'ד") אדער קומען נישט נאך די פינאנציעלע בארעכטיגונג באדינגונגען אבער דארפן זיך ספראווען מיט איבעראָרדנטליכע מעדיציניש קאסטן.

ד. מיימאנידעס טוט ברייט פארעפנטליכן איר FAP אין איינקלאנג מיט די פאליסי.

מיימאנידעס מאכט די FAP, **די** FAP אפליקאציע בויגן און אן איבערזיכט פונעם FAP ("איינפאכע שפראך איבערזיכט") צוטריטליך אויף א באשטימטן פינאנציעלע הילף בלאט אויף מיימאנידעס'ס וועבזייטל (http://www.maimonidesmed.org/main/financialinformation.aspx). פאפירענע קאפיעס פון די דאקומענטן זענען פארהאן אויפן פארלאנג און אן קיין אפצאל, דורך פאסט און ביי עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט אדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס.

מיימאנידעס מעלדט און אינפארמירט שפיטאל פאציענטן איבער דעם FAP דורך: אנבאטן אן אומזיסטע פאפירענע קאפיע פונעם איינפאכן שפראך איבערזיכט אלס טייל פון אינטעיק און רעגיסטראציע; איינשליסן א שריפטליכע מעלדונג אויף בילינג סטעיטמענטס וועלכע אינפארמירט אז ס'איז פארהאן פינאנציעלע הילף אונטער די FAP און ענטהאלט דעם טעלעפאן נומער פון דער פסיכיאטריע קעשיער\רעגיסטראציע און די דירעקטע וועבזייטל אדרעס וואו מען קען באקומען קאפיעס פון די FAP, FAP אפליקאציע בויגן און איינפאכע שפראך איבערזיכט; און מערקבארע עפנטליכע שילדן וועלכע אינפארמירן פאציענטן איבער די FAP אין עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט אדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס. מען וועט מעלדן פאר פאציענטן איבער מיימאנידעס'ס FAP דורך פיל-שפראכיגע שילדן.

אין צוגאב, וועט די FAP, FAP אפליקאציע בויגן און איינפאכע שפראך איבערזיכט ווערן איבערגעזעצט צו די הויפט שפראכן וועלכע ווערן גערעדט דורך די באפעלקערונג מיט באגרעניצטע ענגליש באקאנטשאפט (LEP) וועלכע די שפיטאל סערווירט יעדעס יאר, אריינגערעכנט די שפראך וואס ווערט גערעדט דורך יעדע LEP שפראך גרופע וואס שטעלט צונויף ווייניגער ווי 1,000 מענטשן אדער 5 פראצענט פון די געמיינדע וואס די שפיטאל סערווירט אדער די באפעלקערונג וואס איז אממערסטנס אויסגעשטעלט צו ווערן באווירקט אדער באגעגנט דורך דעם שפיטאל. מיימאנידעס וועט אויך מעלדן און אינפארמירן מיטגלידער פון די געמיינדע וואס די שפיטאל סערווירט אז זי אפפערט פינאנציעלע הילף אונטער אן FAP, און וואו צו באקומען מער אינפארמאציע און דאקומענטן פארבינדן צום FAP, אויף אן אופן וואס געמיינדע מיטגלידער קענען פארשטיין (אריינגערעכנט איבערזעצונגען צו די באטרעפנדע שפראכן).

מען וועט צושטעלן פאר פאציענטן מיט ספעציפישע אנפראגעס איבער פינאנציעלע הילף די איינפאכע שפראך איבערזיכט, זיי אינפארמירן איבער די פארבינדענע אינפארמאציע אויף די מיימאנידעס מעדיקל סענטער וועבזייטל, און רעפערירן צו א *קעשיער\רעגיסטראר*. אין פאל א מענטש דייט אן אז ער\זי וויל ענדערש באקומען דאקומענטן אדער אינפארמאציע איבער די FAP עלעקטראניש, וועט מיימאנידעס קענען צושטעלן אזעלכע דאקומענטן אדער אינפארמאציע עלעקטראניש (אריינגערעכנט אויף אן עלעקטראנישן סקרין, דורך אימעיל אדער דורך צושטעלן דעם דירעקטן וועבזייטל אדרעס אדער URL, פונעם וועב בלאט וואו דער דאקומענט אדער אינפארמאציע איז ארויפגעשטעלט.)

ה. אלס א באדינג פאר בארעכטיגונג, מוזן פאציענטן (און פאר פאציענטן וועלכע זענען מינדעריעריג, זייערע עלטערן און\אדער לעגאלע גארדיען\ס) צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן כדי צו באשטימען בארעכטיגונג פאר פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראמען און\אדער די פינאנציעלע הילף אפליקאציע, און אויסער דעם, פולשטענדיג מיטארבעטן מיט די שטאב וואס העלפט זיי אינעם פאסיגן אפליקאציע פראצעדור.

ו. ווי ווייט פאציענטן זענען בארעכטיגט פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם (צ.ב. Medicaid, Child Health Plus (“CHP”), Prenatal Care Assistance Program), מוזן פאציענטן אויסנוצן יענעם פראגראם פאר דעקונג פון זייער באהאנדלונג ענדערש ווי די מיימאנידעס פינאנציעלע הילף פראגראם. ווי ווייט פאציענטן זענען בארעכטיגט פאר אינשורענס דורך די מארקעטפלעיס וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אונטער די עפארדעבל קעיר אקט, מוזן פאציענטן נוצן אינשורענס וואס זיי האבן באקומען דורך די מארקעטפלעיס פאר דעקונג פון זייער באהאנדלונג ענדערש ווי מיימאנידעס פינאנציעלע הילף פראגראם.

ז. פאציענטן מיט HMO אדער קאמערציאלע אינשורענס וואס ווערט נישט אנגענומען ביי מיימאנידעס מעדיקל צענטער זענען נישט בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף, סיידן דער פאציענט האט אויסגענוצט זייערע אינשורענס בענעפיטן.

ח. פינאנציעלע הילף קען געגעבן ווערן לויט ווי באשטימט לויט יעדע פאל באזונדער, פאר קאפעימענטס און דידאקטיבלס פאר פאציענטן וועלכע קומען נישט נאך פינאנציעלע בארעכטיגונג באדינגונגען אבער דארפן זיך ספראווען מיט אויסערארדנטליכע מעדיצינישע קאסטן.

ט. די פאלגנדע זענען נישט געדעקט אונטער די פאליסי:

- זאכן וועלכע זענען נישט מעדיציניש נויטיג;
- זאכן אן קיין קלינישע אדער טעראפיוטישע טובה;
- סערוויסעס וועלכע ווערן נישט גע'ביל'ט דורך מיימאנידעס (צ.ב. אנעסטידזשע סערוויסעס און פראפעסיאנאלע סערוויסעס דורך דאקטוירים), חוץ סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך באדייטנד פארבינדענע איינהייטן פונעם שפיטאל, אזוי ווי דער טערמין ווערט אויסגעטייטשט אונטער די פעדעראלע רעגולאציעס.

ביילאגע ב' צו די פאליסי רעכנט אויס פראוויידערס וועלכע שטעלן צו עמערדזשענסי אדער אנדערע מעדיציניש נויטיגע באהאנדלונג אינעם שפיטאל וועלכע זענען געדעקט אונטער די FAP, און די וועלכע זענען נישט געדעקט אונטער די FAP.

## II. <u>פאראנטווארטליכקייט</u>

א. *קעשיער\רעגיסטרארס (פסיכיאטריע)* זענען פאראנטווארטליך צו באקומען **FAP** אפליקאציע בויגנס, און באוויז פון איינקונפט פון פאציענטן.

ב. דער *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* וועט איבערקוקן די אפליקאציע און באשטימען דעם פאסיגן אפצאל.

ג. דער סיניער וויצע פרעזידענט פאר פינאנץ, דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג וועט זיין פאראנטווארטליך פאר איבערקוקן סיי וועלכע שריפטליכע אפעלאטן פון די באשלוסן פונעם *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)*.

## III. <u>פראצעדורן</u>

### 1. *אלגעמיינע אפליקאציע פראצעדורן*

א. צו באקומען הילף מיט די FAP אפליקאציע פראצעדור, איינגעבן פאר פינאנציעלע הילף אונטער די FAP, אדער באקומען נאך אינפארמאציע איבער די FAP, קען מען זיך פארבינדן מיטן די פסיכיאטריע קעשיער\רעגיסטראציע אויף 8177-283 (718), וואס געפונט זיך אויף 920 48th Street, Brooklyn, NY 11219.

ב. ווען א מענטש פארלאנגט פינאנציעלע הילף, וועט ער אדער זי רעפערירט ווערן צו א *קעשיער\רעגיסטראר* פאר סקרינינג. דער *קעשיער\רעגיסטראר* וועט:

1. איבערשמועסן פארשידענע אלטערנאטיוון וועלכע זענען גרייט פארן פאציענט (צ.ב. פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראמען, אינסטאלמענט באצאלונג אראנדזשירונגען, הנחה פרייזן, סליידינג סקעילס, אומזיסטע באהאנדלונג) באזירט אויף די ערהאלטענע אינפארמאציע.

2. אין פאסיגע אומשטענדן:

(א) אויספולן אן אפליקאציע און עס אריינגעבן צו די לאקאלע אפטיילונג פון סאשעל סערוויסעס אדער מארקעטפלעיס אין נאמען פונעם פאציענט; אדער
(ב) רעפערירן דעם פאציענט צו די פאסיגע לאקאלע מעדיקעיד אפיס אדער דער נעוויגעיטאר אויסצופולן א CHP אפליקאציע.

3. אפשאצן אויב דער פאציענט קען זיין בארעכטיגט פאר נאך הנחות אדער געלטער וועלכע קענען זיין צו באקומען דורך ספעציעלע גרענטס אדער פראגראמען ביי מיימאנידעס באזונדער פון די פאליסי.

4. אויב פאסיג, צושטעלן א FAP אפליקאציע פארן אפליקאנט אויסצופולן. אויפן פארלאנג, וועט דער *קעשיער\רעגיסטראר* צושטעלן הילף פאר פאציענטן מיטן פארשטיין די פינאנציעלע הילף פאליסיס און אויספולן די אפליקאציע אין זייער נאמען דורכאויס א פנים-צו-פנים אינטערוויו אויפן פארלאנג.

ג. די אפליקאציע בויגנס וועלן ווערן איבערגעזעצט, אין איינקלאנג מיט חלק I אויבן. אין צוגאב, וועלן איבערזעצונג סערוויסעס זיין צו באקומען פאר אלע פאציענטן וועלכע דארפן אזעלכע סערוויסעס כדי צוצוקומען צו פינאנציעלע הילף ביי מיימאנידעס. די שטאב וועט נוצן איבערזעצונג סערוויס אין איינקלאנג מיט די AD-120 Translation and Interpreter Services.

ד. די אפליקאציע בויגנס וועלן ענטהאלטן א מעלדונג פאר פאציענטן אז ביים אריינגעבן אן אויסגעפולטע אפליקאציע, אריינגערעכנט סיי וועלכע אינפארמאציע און דאקומענטן וואס פארלאנגען זיך כדי צו באשטימען א פאציענט'ס בארעכטיגונג אונטער די פאליסי, מעג דער פאציענט איגנארירן סיי וועלכע בילס ביז ווען דער שפיטאל האט געפאסט א באשלוס איבער די אפליקאציע.

ה. פאציענטן ווערן ערלויבט זיך איינצוגעבן פאר פינאנציעלע הילף ביז אמווייניגסטנס 240 טעג פונעם דאטום וואס דער ערשטער ביל נאכן ווערן אויסגעשריבן ווערן צוגעשטעלט. (זעט FIN-55, בילינג און איינקאסירונג פאליסי פאר מער אינפארמאציע איבער אפליקאציע תקופות). פארלאנגען מוותר צו זיין אויף די פאדערונגען קענען געוואנדען ווערן צום דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע) פאר איבערזיכט.

ו. פאציענטן [אדער, פאר פאציענטן וואס זענען מינדעריעריג, זייערע עלטער[ן] און / אדער זייערע לעגאלע אפהיטער], וועלן זיין אומבארעכטיגט צו באקומען פינאנציעלע הילף, אויב זיי שטעלן צו פאלשע אינפארמאציע דורכאויס די אפליקאציע פראצעדור.

## 2. *בארעכטיגונג באדינגונגען פאר פינאנציעלע הילף*

א. די מאקסימום פרייז וואס מעג גערעכנט ווערן פון א פאציענט וואס באקומט מעדיציניש נויטיגע אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג ביים שפיטאל, און איז בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די FAP איז באקאנט אלס די אלגעמיין גערעכנטע סומע ("AGB"). פאר אוטפעישאנט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, שטעלט מיימאנידעס די AGB ביים סך הכל סומע וואס Medicaid וואלט ערלויבט. לויט די דיסקאונט פי סקעדזשול וואס ווערט געשילדערט אין ביילאגע א', זענען הנחות וואס ווערן געאפפערט פאר פאציענטן אונטער די FAP, ווייניגער אדער גלייך צו די AGB. נאכפאלגנדיג באשטימונג פון FAP-בארעכטיגונג, מעג אן FAP-בארעכטיגטער מענטש נישט גערעכנט ווערן מער ווי די AGB פאר מעדיציניש נויטיגע אדער עמערדזשענסי קעיר.

ב. ווי געשילדערט ווייטער אונטן, וועט בארעכטיגונג זיין באזירט אויף די פאלגנדע אינפארמאציע:

- וואוינארט
- יערליכע, בעפאר-שטייער איינקונפט

- פאמיליע מאס.

אינפארמאציע וואס ווערט צוגעשטעלט אינעם פאציענט'ס אפליקאציע פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם וועט גענוצט ווען צו באקומען די אינפארמאציע. אויב קיין שום אזא אפליקאציע איז גרייט, אדער איז געמאכט געווארן גרייט, מוז די נויטיגע אינפארמאציע פאר פינאנציעלע הילף באשטימונגען ווערן צוגעשטעלט דורכן פאציענט. אויב סיי וועלכע פארלאנגטע אינפארמאציע פעלט, וועלן פאציענטן געמאלדן ווערן דערוועגן פערזענליך, דורכן טעלעפאן, אדער פאסט.

ג. א *קעשיער\רעגיסטראר* וועט אננעמען די אויסגעפולטע אפליקאציע און שטיצנדע דאקומענטאציע פונעם פאציענט און עס שיקן צום *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* וואס וועט באשטימען דעם פאסיגן אפצאל באזירט אויף די אוועקגעשטעלטע באדינגונגען (געשילדערט אונטן און אוועקגעשטעלט אין די יעצטיגע סליידינג פי סקעיל אין די ביילאגע צו די פאליסי) און דערגרייכן די רעכענונג דורכן אויספולן די פי דעטערמינעישאן ווארקשיט – אפצאל באשטימונג בויגן.

ד. די באדינגונגען פארן באשטימען דעם אפצאל זאלן ענטהאלטן אן אנאליז פונעם פאציענט'ס "פאמיליע מאס" און "איינקונפט" נוצנדיג דעם יעצטיגן סליידינג פי סקעיל.

- <u>פאמיליע מאס</u>. אויב דער פאציענט איז אן ערוואקסענער, ווערט דעם פאציענט'ס פאמיליע מאס אויסגערעכנט דורכן צוזאמרעכענען דער פאציענט, דער פאציענט'ס מאן\ווייב (אויב בכלל און אויב ער\זי וואוינט אינאיינעם מיטן פאציענט) און סיי וועלכע דעפענדענטס פונעם פאציענט אדער דער פאציענט'ס מאן\ווייב. אויב דער פאציענט איז א קינד, ווערט דעם פאציענט'ס פאמיליע מאס אויסגערעכנט דורכן צוזאמרעכענען דעם פאציענט, דעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט, און סיי וועלכע דעפענדענטס פונעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט (חוץ דעם פאציענט). א שוואנגערדיגע פרוי ווערט פאררעכנט אלס צוויי פאמיליע מיטגלידער.

- <u>יערליכע בעפאר-שטייער איינקונפט</u>. אויב דער פאציענט איז אן ערוואקסענער, איז די פאמיליע'ס יערליכער בעפאר-שטייער איינקונפט דער צאל פונעם פאציענט'ס און דער פאציענט'ס מאן\ווייב'ס (אויב בכלל און אויב ער\זי וואוינט אינאיינעם מיטן פאציענט) איינקונפט. אויב דער פאציענט איז א מינדעריעריגער, איז די פאמיליע'ס יערליכער בעפאר-שטייער איינקונפט דער איינקונפט פונעם פאציענט'ס טאטע\מאמע און\אדער לעגאלע גארדיען\ס מיט וועמען דער פאציענט וואוינט. איינקונפט איז באזירט אויף די רעכענונג פון די לעצטע פיר וואכן פארדינסטן איידער דעם דאטום פון סערוויס.

- יערליכע, בעפאר-שטייער איינקונפט וועט זיין די סך הכל פון די פאלגנדע קוועלער פון איינקונפט, ווי אויפגעוויזן דורך די דאקומענטן וועלכע ווערן פארלאנגט אויף די FAP אפליקאציע:

  1. געהאלט\וועידזשעס איידער דידאקשאנס. אויב א פאציענט האט נישט אריינגעגעבן אן אפליקאציע פאר א פובליק גע'ספאנסער'טע אינשורענס פראגראם אדער ס'נישטא אזא אפליקאציע, מוז דער פאציענט צושטעלן פעי סטאבס פון די פארגאנגענע פיר וואכן, וואס וועט גענוצט ווערן צו באשטימען דעם פאציענט'ס געהאלט\וועידזשעס פארן יעצטיגן קאלענדער יאר.
  2. פובליק אסיסטענס.
  3. סאשעל סעקיורעטי בענעפיטן.
  4. אנעמפלוימענט און ווארקמענ'ס קאמפענסעישאן.

5. וועטעראנ'ס בענעפיט.
6. אלימאני\טשיילד סופארט.
7. אנדערע געלט שטיצע.
8. פענסיע צאלונגען.
9. אינשורענס אדער אניואיטי צאלונגען.
10. דיווידענדס\אינטערעסט.
11. רענטל איינקונפט.
12. נעט ביזנעס איינקונפט (אויב זעלבסט-באשעפטיגט, מוז עס באשטעטיגט ווערן דורך אן אומאפהענגיגע קוואל).
13. אנדערע (סטרייק בענעפיטן, טרעינירונג סטיפענדס, מיליטערישע פאמיליע טיילונגען, איינקונפט פון עסטעיטס און טראסטס).

קוואל פון איינקונפט זאל אויסגערעכנט ווערן דורכן צוזאמרעכענען סכומים וואס זענען טאקע ערהאלטן געווארן, אין קעגנזאץ צו סכומים צו וועלכע דער מענטש קען זיין בארעכטיגט אבער ווערן אים אדער איר נישט געצאלט (צ.ב. ווען דער געוועזענער מאן\ווייב פון א פאציענט פארפעלט צו באצאלן טשיילד סופארט, אינשורענס אדער פענסיע צאלונגען זענען אומגעשליכטעט).

די אויסגעפולטע דאקומענטאציע, אריינגערעכנט אן אויסגעפולטע אפליקאציע און אלע שטיצנדע דאקומענטן, וועלן אריינגעגעבן ווערן דורכן *קעשיער\רעגיסטראר* צום *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)*.

אינערהאלב 30 טעג פון ערהאלטן דעם אויסגעפולטן אפליקאציע פאר פינאנציעלע הילף און אלע פארלאנגטע דאקומענטן, וועט דער *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* מעלדן דעם פאציענט שריפטליך אויב די אפליקאציע פאר פינאנציעלע הילף איז געווארן באשטעטיגט אדער צוריקגעוויזן.

**3. פראצעדור פאר איבערזיכט פון אפליקאציעס און אפעלאטן**

א. אויב א פינאנציעלע הילף אפליקאציע איז געווארן באשטעטיגט, וועט מען מעלדן דעם פאציענט איבער די פראצענט הנחה פאר וועלכע ער אדער זי איז בארעכטיגט און געבן אן איינצלהייטליכע ערקלערונג איבער די שולדיגע סכומים. אויב די פינאנציעלע הילף אפליקאציע איז צוריקגעוויזן געווארן, וועט די שריפטליכע מעלדונג שילדערן ווי אזוי צו אפעלירן די צוריקווייזונג און אנטהאלטן אינפארמאציע איבער ווי אזוי זיך צו פארבינדן מיט די דעפארטמענט אוו העלטה. FAP-צוריקווייזונג מעלדונגען מוזן אויך שילדערן דעם באזיס פארן צוריקווייזונג. אין פעלער וואו א פנים-צו-פנים אינטערוויו ווערט דורכגעפירט, ווערן די פאציענטן זאפארט אינפארמירט איבער די באשטעטיגונג פונעם אפליקאציע און די סומע פון די הנחה וואס דער פאציענט וועט באקומען אדער איבער די צוריקווייזונג פון די אפליקאציע. אין אזעלכע פעלער וועט די שריפטליכע מעלדונג אויך געשיקט ווערן צו פאציענט'ס היים. אלע דאקומענטאציע אריינגערעכנט די אפליקאציע און פארבינדענע שטיצנדע מאטריאל וועט געהאלטן ווערן דורכן *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* אדער דער וועמען ער אדער זי באשטימט.

ב. די באשלוסן פונעם *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* מעגן ווערן אפעלירט שריפטליך אדער פערזענליך, דורך אפוינטמענט, צום *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג*. שריפטליכע אפעלאטן זאלן געשיקט ווערן דורך פאסט צו:

Director of Reimbursement
Maimonides Medical Center
4802 Tenth Avenue
Brooklyn, N.Y. 11219

ג. דער *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג* וועט איבערקוקן אפעלאטן און וועט אדער רעקאמענדירן דעם *דירעקטאר*, *פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* ווידער צו נעמען אין באטראכט דעם פארלאנג, אדער עס צוריקווייזן. אויב דער אפעלאט פארלאנג ווערט רעקאמענדירט ווידער גענומען צו ווערן אין באטראכט, וועט דער *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג* זיך באראטן מיט דעם *דירעקטאר*, *פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* און דער נאכפאלגנדער באשלוס וועט זיין ענדגילטיג. דער *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג* וועט שטרעבן צו מאכן אפעלאט באשלוסן ביז 10 ביזנעס טעג פון ערהאלטן א פאציענט אפעלאט [ד.מ. נאכן ערהאלטן א בריוו אדער א פערזענליכער אפעלאט]. דער *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג* וועט אינפארמירן דעם *קעשיער\רעגיסטראר* און דער פאציענט, שריפטליך, וואס דער פאסיגער אפצאל איז, און אויב דער פארלאנג ווערט צוריקגעוויזן, וועט דער *דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג* לאזן מעלדן דעם *דירעקטאר*, *פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* און דעם פאציענט איבער די צוריקווייזונג.

ד. דער גילטיגער אפצאל וועט זיין שייך ביז אפריל 15 פון יעדעס יאר, און דאן מוזן פאציענטן ווידער-איינגעבן.

ה. קעשיער\רעגיסטראַרס וועלן נישט פראצעסירן באזוך ריסיטס וויניגער ווי די פולע פרייז ביז א פארמינערטע אפצאל ווערט באשטימט לויט די פאליסי.

ו. אויפן פארלאנג, וועלן פאציענטן וועלכע באקומען פינאנציעלע הילף געגעבן ווערן א געלעגנהייט צו באקומען אן אינסטאלמענט צאלונג אראנדזשירונג פראצענטן פריי. די מאנאטליכע צאלונג וועט נישט זיין מער ווי 10% פונעם פאציענט'ס גראוס מאנאטליכע איינקונפט. קיינע פראצענטן וועלן גערעכנט ווערן אויפן אומבאצאלטן באלאנס אין פאל א צאלונג ווערט פארפאסט. אין פאל פון א פארפאסטע צאלונג, וועט נישט זיין קיין שום פארשנעלערונג פון צאלונגען.

## IV. __באזונדערע בילינג און איינקאסירונג פאליסי__

די שריט וואס מיימאנידעס קען נעמען אין פאל פון נישט באצאלן ווערן געשילדערט אין א באזונדערע בילינג און איינקאסירונג פאליסי (FIN-55). די פאליסי איז פארהאן אויף א באשטימטע פינאנציעלע הילף בלאט אויף מיימאנידעס'ס וועבזייטל (http://www.maimonidesmed.org/main/FinancialInformation.aspx). פאפירענע קאפיעס פון די פאליסי זענען גרייט אויפן פארלאנג און אן קיין אפצאל, דורך פאסט און ביי עפנטליכע ערטער אינעם שפיטאל, אריינגערעכנט דעם עמערדזשענסי רום, עדמישאן ערטער און ערטער פון פאציענט סערוויס.

## V. __צוטריט צו עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג__

עס וועט נישט זיין קיין שום דיסקרימינאציע ביים צושטעלן א מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און נויטיגע סטאביליזירונג באהאנדלונג אנטקעגן די וועלכע זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די פאליסי. זעט EMTALA 34-FIN– מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און סטאביליזאציע פאליסי. מיימאנידעס שטעלט צו, אן קיין דיסקרימינאציע, באהאנדלונג פאר עמערדזשענסי מעדיצינישע צושטאנדן פאר מענטשן, אפגעזען אויב זיי זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף אונטער די FAP. זעט EMTALA 34-FIN– מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און סטאביליזאציע פאליסי.

## VI. __אפשאצונג פון אויספאלגן דאס געזעץ__

די אפטיילונג פון אינטערנעל אודיט וועט אפשאצן דאס אויספאלגן די פינאנציעלע הילף געזעץ און די פאליסי אמווייניגסטנס יערליך. די רעזולטאטן פון אזא אודיט זאלן מיטגעטיילט ווערן מיטן SVP פון

פאציענט קאנטעס, SVP, פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס) און דער EVP פאר ליגעל אפעירס און קאמפלייענס אפיסער.

## VII. <u>**קאנטראלס**</u>

א. אלע שטאב מיטגלידער וועלכע פארקערן מיט פאציענטן אדער האבן פאראנטווארטליכקייט פאר בילינג און איינקאסירונגען וועלן ערהאלטן א קאפיע פון די פאליסי און וועלן טרענירט ווערן אויף די פאסיגע פראצעדור פאר די פינאנציעלע הילף פראגראם. שטאב מיטגלידער וועלן אויך רעגלמעסיג אינפארמירט ווערן איבער נאך הנחות אדער געלטער וועלכע זענען דא צו באקומען דורך ספעציעלע גרענטס אדער פראגראמען באזונדער פון די אלגעמיינע פינאנציעלע הילף פראגראם. סיי וועלכע ווייטערדיגע אנפראגעס דורך שטאב מיטגלידער אויף די פאליסי זאלן געווענדן ווערן צום *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* אויף 283-8177 (718)**.**

ב. דער *דירעקטאר, פינאנציעלע אפעראציעס (פסיכיאטריע)* וועט רעגלמעסיג איבערקוקן פאציענט מעסטער רעקארדס און קאנטעס צו זען אויב זיי האלטן זיך צו די פינאנציעלע הילף פראטאקאל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אין די פאליסי.

ג. דער סיניער וויצע פרעזידענט פאר פינאנץ, דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג וועלן אנווייזן פאר די פאסיגע אפטיילונג הויפטן איבערצוקוקן די פינאנציעלע הילף פראטאקאל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אין די פאליסי לויט ווי ענדערונגען ווערן באשטעטיגט אדער איינגעפירט דורך אויפזיכט אגענטורן.

קענעט ד. גיבס
פרעזידענט און CEO

| | |
|---|---|
| רעפערענס | פינאנציעלע הילף פאליסי FIN-028 (איבערגעמאכט)<br>PHL 2807-k (9 and 9-a)<br>טייערער אדמיניסטראטאר בריוול דאטירט פעברואר 15, 2007<br>פאציענט באשיצונג און עפארדעבל קעיר אקט §9007(a)<br>(March 23, 2010) (Adding 501(r) to IRC);<br>FIN-034 EMTALA – מעדיצינישע סקרינינג אונטערזוכונג און סטאביליזאציע פאליסי;<br>טייערע אדמיניסטראטאר בריוו דאטירט נאוועמבער 15, 2013<br>26 C.F.R. 1.501(r)-1, 1.501(r)-4 - 1.501(r)-6 |
| אינדעקס | פינאנציעלע הילף: |
| ארידזשינעיטינג אפטיילונג | פסיכיאטריע: |
| ביילאגע: | סליידינג סקעיל פי טאוול: |

**FIN-029** :קאוד
2018 :דאטום

# פסיכיאטריע פינאנציעלע הילף פראגראמען
## 2018 סליידינג סקעיל פי טאוול

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פול | $110.00 | $95.00 | $75.00 | $50.00 | $45.00 | $40.00 | $35.00 | $20.00 | $15.00 | $10.00 | $0.00 | Medicaid | אוטפעישאנט אפצאל פער באזוך |
| פול | פול | פול | פול | פול | פול | $30.00 | $25.00 | $20.00 | $20.00 | $20.00 | $20.00 | Eligible * | ** Rx און לאבאראטאריע אפצאל פער Rx אדער טעסט |
| 300% | 286% | 272% | 257% | 243% | 228% | 214% | 200% | 175% | 150% | 125% | 100% | | ארימקייט פראצענט |
| 60,001 | 54,893 | 49,785 | 44,677 | 39,605 | 34,497 | 29,389 | 24,281 | 21,246 | 18,211 | 15,176 | 12,141 | 0 | פאמיליע מאס |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 1 |
| | 60,000 | 54,892 | 49,784 | 44,676 | 39,604 | 34,496 | 29,388 | 24,280 | 21,245 | 18,210 | 15,175 | 12,140 | |
| 66,001 | 61,271 | 56,540 | 51,810 | 47,112 | 42,382 | 37,651 | 32,921 | 28,806 | 24,691 | 20,576 | 16,461 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 2 |
| | 66,000 | 61,270 | 56,539 | 51,809 | 47,111 | 42,381 | 37,650 | 32,920 | 28,805 | 24,690 | 20,575 | 16,460 | |
| 71,001 | 66,791 | 62,581 | 58,371 | 54,191 | 49,981 | 45,771 | 41,561 | 36,366 | 31,171 | 25,976 | 20,781 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 3 |
| | 71,000 | 66,790 | 62,580 | 58,370 | 54,190 | 49,980 | 45,770 | 41,560 | 36,365 | 31,170 | 25,975 | 20,780 | |
| 76,001 | 72,312 | 68,622 | 64,933 | 61,269 | 57,580 | 53,890 | 50,201 | 43,926 | 37,651 | 31,376 | 25,101 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 4 |
| | 76,000 | 72,311 | 68,621 | 64,932 | 61,268 | 57,579 | 53,889 | 50,200 | 43,925 | 37,650 | 31,375 | 25,100 | |
| 81,001 | 77,832 | 74,663 | 71,494 | 68,348 | 65,179 | 62,010 | 58,841 | 51,486 | 44,131 | 36,776 | 29,421 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 5 |
| | 81,000 | 77,831 | 74,662 | 71,493 | 68,347 | 65,178 | 62,009 | 58,840 | 51,485 | 44,130 | 36,775 | 29,420 | |
| 86,001 | 83,353 | 80,704 | 78,056 | 75,426 | 72,778 | 70,129 | 67,481 | 59,046 | 50,611 | 42,176 | 33,741 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 6 |
| | 86,000 | 83,352 | 80,703 | 78,055 | 75,425 | 72,777 | 70,128 | 67,480 | 59,045 | 50,610 | 42,175 | 33,740 | |
| 92,001 | 89,730 | 87,459 | 85,188 | 82,934 | 80,663 | 78,392 | 76,121 | 66,606 | 57,091 | 47,576 | 38,061 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 7 |
| | 92,000 | 89,729 | 87,458 | 85,187 | 82,933 | 80,662 | 78,391 | 76,120 | 66,605 | 57,090 | 47,575 | 38,060 | |
| 97,001 | 95,251 | 93,500 | 91,750 | 90,012 | 88,262 | 86,511 | 84,761 | 74,166 | 63,571 | 52,976 | 42,381 | 0 | |
| ארויף | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | ביז | 8 *** |
| | 97,000 | 95,250 | 93,499 | 91,749 | 90,011 | 88,261 | 86,510 | 84,760 | 74,165 | 63,570 | 52,975 | 42,380 | |

* דער דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג קען ארויסווייזן נאך פארשטענדעניש אין אומשטענדן פון מערערע Rx אדער לאבאראטאריע אונטערזוכונגען.
**פאציענטן וואס זענען בארעכטיגט פאר Medicare part D זענען נישט בארעכטיגט פאר Rx הנחה.
***פאר יעדן צוגעגעבענעם פאמיליע מיטגליד, לייגט צו $4,320 צום בעיס נומער.
אלע פאציענטן מוזן באצאלן די אנגעגעבענע ראטעס.
אין אינדיווידועלע פעלער וואו פאציענטן דייטן אן א ספעציעלע שוועריגקייט מיטן באצאלן, זאל זייער אויסגעפולטע אפליקאציע און דאקומענטאציע רעפערירט ווערן צום דירעקטאר פון צוריקבאצאלונג אדער דער וועמען ער באשטימט.